NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00838

MTSIRI

Mikhail Iur'evich Lermontov

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-00838-9

9780657008383T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

בערג



ב. י. לערמאָנטאָוו

מ. יו. לערמאָנטאָוו

MICROFORM

מ צ י ר י

ייִדיש — מ. כאשטשעוואצקי

קינדער-פארלאג באם צ.ק. ל.ק.י.פ.א.
1937

רעדאַקטאָר — אי. גרינזאַף
בעטעלן פֿון קינסטלער כאזאנאָווסקי
טעכאָנפירער — ס. שענקער
קאָרעקטאָר — ל. הילער

מצירי[1]

1

געווענ אמאָל א קלויסטער־הויפ
איז דאָרט, ווו ס׳גיסנ זיכ צונויפ
אונ לויפנ מיט א פרייד־געשריי
אראגווא אונ קורא אזוי,
ווי שוועסטער ליבלעכע ווי צוויי.
אונ גייט נאָכ עמעצ איצטער דאָרט,
ער זעט די כורוועס אפ דעם אָרט,—
געבליבנ סלופעס, טורעמ־ווענט,
א הויכער קלויסטערשער געוועלב,

[1] מצירי — אמ גרוזיניש א יינגל, וואָס דינט אינ א קלויסטער אונ דארפ ווערנ א מאָנאכ.

נאָר ס'שטײַגט שוין דאָרט ניט אינדערהויך
פון בסמים דופטיקע דער רויך,
און ס'הערט זיך דאָרט שוין ניט פֿון לאַנג
קיין גאָט־געבעט, קיין לויב־געזאַנג.
אַן אַלטער וועכטער שלעפּט זיך אום,
א כורווע צווישן כורוועס שטום,
פאַרזען פֿון מענטשן און פֿון טויט,
ווישט ער דעם שטויב דאָרט שטילערהייט
פֿון שטיינער, וווּ פאַרשריבן שטייט
דער רום פֿון יאָרן — און דערפֿון,
ווי, מאַט פון קרוין און קעניגטום,
א קייסער האָט זײַן ווּנטש געפאָלגט
און רוסלאַנד אָנגעטרויט זײַן פאָלק.

און ס'האָט פֿון דעמלט זײַן געבאָד
צו גרוזיע באַוויזן גאָט.
פֿון יענער צײַט האָט זי געבליט,
און ס'האָבן קעגן פײַנט געהיט
זי שפּיזן פרײַנטלעכע באַהיט.

2

עס איז א רוס א גענעראַל
געקומען קיין טיפליס אַמאָל.
מיט זיך האָט ער א קינד געבראַכט,
אין בערג געפאַנגען. אָפגעשוואַכט
איז עס געוואָרן אונטערוועגס.

ס'איז אַלט געווען א יאָר זעקס.
ווילד, שרעקיק, ווי פון בערג א ציג,
ווי אָטשערעט — שוואַך, בויגעוודיק.
נאָר ס'האָט די קרענק אין אים אנטפּלעקט
דעם שטאָלצן גײַסט, וואָס האָט געלעבט
אין זײַנע טאַטעס. שטיל, אָן קרעכץ
האָט ער געמאַטערט זיך. קיין לעכץ
ער לאָזט פון ליפּן ניט־אַרויס,
פון זיך דאָס עסן ער פאַרשטויסט,
און שטאָלץ און שווײַגיק גייט ער אויס.
האָט א מאָנאַך אױף זײַנע הענט
גענומען אים, און צווישן ווענט
אַרום דעם קינד געגאַנגען — ביז
ער האָט געשטעלט אים אױף די פֿיס.
נאָר אויסער יעדער קינדער־פרייד,
האָט ער פון יעדן זיך געשיידט,
געבלאָנקעט שטיל, פון אַלע ווײַט,
און אַלץ געקוקט צו מיזרעך־זײַט,
און האָט געבענקט שטיל און געהיים
אַהינצו, ווו עס ליגט זײַן היים.
דערנאָך האָט ער זיך צוגעווינט,
די פרעמדע שפּראַך פאַרשטאַנען שוין,
געלאָזט צו טויפן זיך, און סטאַם,
ניט ווייסנדיק קיין לעבנס־טאַם,
האָט ער געזאָלט שוין יונגערהייט
זיך אָנטאָן א מאָנאַכן־קלייד.

און פלוצים אין א נאכט פון הארבסט
איז ער אוועק. א וואלד האָט שווארץ
צעוואָרפן זיך ארום אף בערג.
דרײַ טעג דאָס זוכן האָט געווערט
אומזיסט. צולעצט אין סטעפּ, אף דר׳ערד
האָט מען געפונען אים פארשמאכט
און אים אין קירך צוריק געבראכט.
ער איז געווען בלייך, דאר און שוואך,
גלײַך ווי געהאָרעוועט אסאך,
צי הונגעריק געווען, צי קראנק,
ער לאָזט פון מויל ארויס קיין קלאנג
און וועלקט מיט יעדן טאָג און צאנקט,
און באלד איז ער בא אלע לעצט.
האָט דער מאָנאך זיך צוגעזעצט
צו אים, געפאָרשט און אופגעקלערט;
דער קראנקער האָט אים שטאָלצ געהערט,
זיך אופגעהויבן אפן בעט
און לאנג האָט ער אזוי גערעדט:

3

„דו ביסט געקומען איצט צו מיר
מײַן ווידע הערן, דאנק איך דיר.
עס ווערט בעעמעס גרינגער פאָרט,
ווען קאָנסט זיך טיילן מיט א וואָרט.
נאָר כ׳האָב קיין מענטש געטאָן קיין בייז,
דעריבער האָט קיין ווערט ניט, ווייס,

דאָס אלץ, וואָס איך וואָלט דיר דערציילט־
און וועדט א האַרץ דערפון געהיילט?
געלעבט כ'האָב ווייניק. אפּ א קייט.
אזעלכע לעבנס צוויי — מיט פרייד
וואָלט איך פאַרביטן, ווען מע קען,
אפּ איינעם, פול מיט אומרו, ברען.
ס'האָט איין געדאנק מיט גרויסער קראפט,
איין ברענענדיקע ליידנשאפט
מיך נאָגנ גאָרניט אופגעהערט,
און ווי א וואָרעם מיך פארצערט.
ער האָט מײַן טרוים אוועקגעקערט
פון ענגע ווענט צו פרײַער ווײַט,
צו וווּנדער־וועלט פון אומרו, שטרײַט,
ווו וואָלקנס הילן פעלזן אײַן,
ווו מענטשן זײַנען אָדלער־פרײַ.
איך האָב די ליידנשאפט גענערט
מיט בענקעניש אין שטילע נעכט,
און פארן הימל און פאר ערד
מײַן ווידע איצטער־אָ פאַרנעם,
נאָר כ'בעט ניט מויכל זײַן פאר דעם.

4

„מ'האָט, אלטער, ניט איינמאָל גערעדט,
אז דו האָסט מיך פון טויט גערעט.
צו וואָס?.. כ'בין עלנט, שוואך און מאט,
פון בוים אן אָפּגעפליקטער בלאט,

געוואקסן אונטער טויבן דאך
א קינד, פארמישפעט זיין מאָנאך.
כ'האָב טאטע־מאמע ניט געקענט
דאָ קיינעם רופן צווישן ווענט.
דו האָסט, פון דיין זייט, גאָר געוואָלט,
איך זאָל די נעמען, וואָס כ'האָב האָלט,
פארגעסן. נאָר אומזיסטע מי, —
דער קלאנג געבוירן איז מיט מיר.
איך האָב געזען, ווי יעדער האָט
א היים, און פריינט, און קרוויוּים גלאט.
בא מיר איז קיינער ניט געווען,
אפילע קיין מאצייווע־שטיין.
און דאן — איך האָב שוין ניט געוויינט,
כ'האָב נאָר געשווירן זיך אליין,
כאָטש אפ א רעגעלע מיין ברוסט,
וואָס ברענט מיט אימפעט און מיט גלוסט,
א דריק טאָן צו א צווייטער ווען,
וואָס אייגן איז, כאָטש אומבאקענט.
נאָר ווי, פארוועלקט איז יענער טרוים,
צום רעכטן בלי דערגאנגען קוים,
און ווי געלעבט כ'האָב אינדערפרעמד,
כ'וועל שטארבן יאָסעמדיק־פארקלעמט.

5

„איך האָב ניט מוירע פארן טויט:
מע זאָגט, אין קייווער רוט די לייד

אין אייביק קאַלטער שווײַגעניש.
נאָר ס'לעבן וואַרפן גלוסט זיך נישט.
כ'בין יונג, כ'בין יונג... האָסט ווען געוווּסט
די יוגנט־טרוימען און די לוסט?
האָסט ניט געוווּסט, פאַרגעסן גלאַט,
ווי דו האָסט ליב און פײַנט געהאַט;
ווי ס'האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט דערפון,
וואָס דו האָסט פעלד געזען און זון
פון הויכן טורעם בײַ דער זײַט,
און ווו עס פלעגט פון צײַט־צו צײַט
אין מיפן שפּאַלט, וואָס אין דער וואַנט,
אַ קינד פון אומבאַוווּסטן לאַנד
זײַן ווי אַ יונגע טויב פאַרשטעקט,
וואָס פאַר אַ שטורעם זיך דערשרעקט?
מעג זײַן, די וועלט איז איצטער־אָ
שוין נימעס דיר; ביסט שוואַך און גראָ,
און אַלט ביסטו און אָפּגעוועלקט.
איז וואָס?—האָסט פאָרט געזען אַ וועלט:
דו האָסט אַ לעבן אויסגעשעפּט,
דו האָסט געלעבט,—כ'וואָלט אויך געלעבט!

6

„ווילסט וויסן, וואָס כ'האָב אויף דער פרײַ
געזען?—סײַ פעלדער פרישע, סײַ
די בערג באַדעקטע מיט אַ קרוין
פון וואַלד—אַ רוישיקער האַמוין,

וואָס האָט זיך רונד־ארום צעשפּרייט,
ווי בּרידערלעך צום טאנצן גרייט.
געזען כ'האָבּ הויפנס טונקלען שטיינ,
וואָס ס'האָט א שטראָם צעטיילט אפ צוויי'נ,
אונ כ'האָבּ געטראָפנ זייער מיינ:
דאָס איז בּא מיר א גאָט־געשאנק!
צעשפּרייט אינ לופט זיינען פונ לאנג
די שטיינערדיקע אָרעמס בּרייט,
זיי לעכצנ קושנ איינס דאָס צווייט,
נאָר ס'לויפנ טעג אונ נעכט אפ דר'ערד,
אונ טרעפנ זיך איז ניט בּאשערט.
איך האָבּ געזען אויך בּערג אפ בּערג,
געגליכענע צו טרוימער־ווערק,
ווענ ס'האָבּנ זיך אנטקעגנ זונ,
אינ בּלויקייט רויכערנ געטונ,
ווי די מיזבּייכעס, הויכע קעפּ.
אונ וואָלקנס אינעם בּלויענ סטעפּ
פונ אָרט, ווו מ'האָט די נאכט פארווילט,
האָבּנ אפ מיזרעך זיך געיילט,
בּאגלייך א ווייסנ קאראוואנ
מיט פויגלענ פונ א וויטנ לאנד!
אונ כ'האָבּ געזענ, אינ נעפּל דאנ
קאווקאזער פעסטע, גראָווע ווענט,
בּאדעקט מיט שניי, ווי דימענט־בּלענד.
אונ ס'איז מיינ הארצ פונ דעם אלצדינג
געוואָרנ דעמלט אזוי גרינג,

און ס׳האָט א שטים גערעדט געהײם
צו מיר, אז דאָרטן ליגט מײַן הײם.
און די פארגאנגענהײַט האָט באלד
אין מויעך קלאָרער זיך צעשטראלט.

7

„דעם פאָטערס הויז כ׳האָב זיך דערמאנט,
דעם בארג־שפאלט, שטיבלעך אפן ראנד,
וואָס האָבן זיך ארום צעשפרייט.
דער אָוונט־רויש צו מיר דערגייט
פון פערד, וואָס יאָגן זיך געשווינד,
דאָס בילן פון באקענטע הינט.
כ׳האָב זיך דערמאָנט די אלטע לײַט,
וואָס קומען זיצן אָוונט־צײַט
צום פאָטערס־שטוב, אין לעוואָנע־ליכט,
מיט שטארק באשעפטיקטן געזיכט.
א בלאנק טוט פאר מײַן אויג די שייד
פון לאנגן מעסער. אלץ פארגייט,
ווי אין א כאָלעם, גיך פארבײַ,
אין טונקעלער, אין גרויער ריי.
דעם פאָטער מײַנעם זע איך, דאכט,
געקליידעט, ווי צו גיין אין שלאכט,
איך האָב געדענקט דעם פאנצער־קלאנג,
און פון דער ביקס דעם העלן בלאנק.
זײַן בליק איז הארט און שטאָלץ געווען.
די שוועסטער מײַנע כ׳האָב דערזען,

דעם זיסן שטראַלנדיקן בליק,
דעם קלאַנג פֿון ליד, וואָס באַ מײַן וויג
זיי פֿלעגן זינגען וויגנדיק...
אַ שטראָם איז דורכגעגאַנגען אין טאָל,
ניט טיף, נאָר מיט אַ רוישיק קאָל,
און כ'פֿלעג אַהינצו אַלעמאָל
אַוועקגיין, גאַנצע טעג פֿאַרבראַכט,
מיט בליק די פֿייגעלעך באַטראַכט,
וואָס פֿליִען צום וואַסער כאַפּטעסווײַז,
ווען ס'דאַרף אַ רעגן טאָן אַ שמײַס.
כ'האָב זיך דערמאָנט אונדזער געצעלט,
דאָס אָוונט־פֿײַערל, וואָס העלט,
די מײַסעס, וואָס מע האָט דערציילט,
ווי מענטשן האָבן אָנגעקוועלט,
ווען ס'איז די וועלט געווען אַ וועלט.

8

„ווילסט וויסן, וואָס כ'האָב אָפּ דער פֿרײַ
געטאָן? געלעבט, און אָן די דרײַ
פֿון מײַנע גליקלעכסטיקע טעג
וואָלט וויסט געווען מײַן לעבנס־וועג
און אומעטיק און אויסגעבראַכט.
ס'איז שוין אַ צײַט, ווי כ'האָב פֿאַרטראַכט
צו זען פֿון ווײַטן פֿעלד די פּראַכט,
צו זען, צי ז'עמעס שיין די ערד,
דערוויסן זיך, צי איז באַשערט

דאָ לײַדן גאָר, צי גאָר פארקערט.
אין יענער נאכט, אין פּאכעד־שאָ,
ווען איר זײַט אינעם שטורעם דאָ,
אין א דערשראָקענעם האמוין,
געפאלן קניִענדיק צום שטיין,
בין איך אוועק. מיר האָט געגלוסט
דעם שטורעם דריקן צו דער ברוסט,
כ'האָב נאָכגעשפּירט דעם וואָלקן־גאנג,
די בליצן מיט די הענט דערלאנגט.
נו, זאָג מיר, וואָס פאר א פארבײַט
פאר קורצער פרײַנטשאפט פול מיט שטרײַט
צעווישן שטורעם און הארץ, וואָס ברענט,
וואָלסטו מיר געבן אין די ווענט?

9

„איך בין געלאָפן. וווּ? — איך ווייס?
אין שווערן וועג האָט, ווי צום בייז,
מיך קיין איין שטערן ניט באגלייט.
איך בין געלאָפן. פרייד א קוואל
מיט פרישקײַט נאכטישער פון וואלד
מײַן מידע ברוסט האָבן צעשפּרייט,
און ווײַטער גאָרניט. לאנג און ברייט
בין איך געלאָפן און צום סאָף
געטאָן זיך אפן גראָז א וואָרף.
זיך צוגעהערט. מע הערט קיין טריט,
דער שטורעם איז אויס, אין ווײַטן ציט

זיכ אויס א לאנגער שיַינ־פאס בלייכ
צווישנ דער ערד אונ הימל־הייכ.
אונ אפ דעמ פאס האָב איכ געזענ
פונ וויַיטע בערג געהעפטע ציינ.
איכ בינ געלעגנ אָנ א ריר.
ס׳האָט א שאקאל ווו נעבנ מיר
געוויינט, געשריִענ ווי א קינד,
אונ צווישנ שטיינער האָט געשווינד
געבלאנקט א שלאנג מיט פאנצער־דעק,
נאָר איכ האָב ניט געפילט קיינ שרעק:
כ׳האָב אויכ דאָכ מענטשנ אויסגעוויַיכט,
באהאלטנ זיכ דער שלאנג צוגלייַכ.

10

„טיפ אונטער מיר האָט ווו גערוישט
א שטראָמ, פונ שטורעמ אָנגעבריוזט,
אונ ס׳איז געווענ זיַינ טויבער פלייצ
ווי טויזנט בייזע שטימענ בייז.
אונ כ׳האָב פארשטאנענ אפנ אָרט
אפילע אָנ אנ איינציק וואָרט
דעמ גרויסנ שטריַיט, וואָס פירט זיכ דאָרט
צווישנ שטראָמ מיט דעמ געשטיינ.
אָט ווערט ער שא, אָט ווידער שוינ
ער לאָזט זיכ הערנ אינדערשטיל.
אונ אָט, אינ הייכ מיט נעפלענ פיל,
צעזינגענ פייגל זיכ. צעגינט

דער מיזרעכ ווערט; א פײַכטער ווינט
טוט ווייכ א ריר א בלאט, א צווייט,
אנ אָטעמ טוט פונ שלאָפ א קווייט,
אונ כ׳האָב מײַנ קאָפּ א הייב געטונ
באגלײַכ מיט אימ אקעגנ זונ...
כ׳האָב זיכ צעקוקט, אונ שעמ זיכ קױמ,
איכ האָב דערשראָקנ זיכ — באמ זוימ
בינ איכ געלעגנ פונ א טהאָמ,
ווו ס׳האָט געבושעוועט דער שטראָמ.
כ׳האָב טרעפּ געזעענ אינ פעלזנ־וואנט.
ס׳האָט נאָר דער טײַוול דאָ געשפּאנט,
ווענ ער אינ אָפּגרונט איז אוועק,
פונ הימל נעמענדיק דעמ וועג.

11

„ס׳האָט א גאניידנ זיכ צעשפּרייט
ארומ. דאָס אויסגעפּוצטע קלייד
פונ ביימער האָט א העלע טרער
אפ זיכ פארהײט. אונ הינ אונ הער
האָט זיכ א טרויבנ־צווײַג געוויגט
אונ מיט איר פרישקײַט מיכ געקוויקט.
אונ הענגלענ פולע נאָכאנאנד,
ווי אוירינגלעכ פונ דיאמאנט,
זײַנענ געהאנגענ דאָ אָנ צאָל.
עס זײַנענ פייגל אלעמאָל
צו זיי אראָפּ. כ׳בינ צו צו דר׳ערד

און כ'האָב זיך ווידער אײַנגעהערט
צום ווונדערלעכן קאראהאָד,
און כ'האָב פארשטאנען גלײַך דעם סאָד,
אז ס'פירן זיך דאָ שטילערהייט
פון ערד און רוים געהיימע רייד.
און אלע שטימען האָב איך קלאָר
פארנומען פון נאטור. און נאָר
דעם מענטשנס שטאָלצע שטים איז דאן
אין לויבונג־שאָ דאָ אָפּגעגאן.
דאָס אלץ, וואָס כ'האָב געפילט דערבײַ,
וואָס כ'האָב געטראכט, איז שוין פארבײַ.
נאָר כ'וואָלט דערמאָנט דאָס אָן א סאָף.
ווען איך דערצייל דאָס, וואך איך אופ.
ס'איז הימל אזוי ריין געווען,
אז מ'האָט מלאָכים, דאכט זיך, זען
געקענט דאן מאמעש מיטן בליק,
און אזוי טיף און דורכזיכטיק,
און אזוי בלוי און אזוי העל,
אז כ'האָב די אויגן און די זעל
געטונקט אין אים, ביז היץ פון טאָג
האָט מײַנע טרוימען ניט פאריאָגט
און גרויסע דאָרשט האָט מיך געפּלאָגט.

12

„און צו דעם שטראָם האָב איך מיך דאן
פון הויך אראָפּ און שפּאן נאָך שפּאן

אראָפצולאָזנ ווי ס׳ניט איז
גענומענ. ס׳האָט פונ אונטער פיס
אמאָל א שטיינ זיכ פונדערהויכ
אראָפּגעקײַקלט, אונ ווי רויכ
האָט אימ באגלייט געדיכטער שטויב.
איכ האָב געהערט — ער טוט דאָרט טויב
א פאל אינ אָפנ מויל פונ שטראָמ,
איכ בינ געהאנגענ אפ א טהאָמ, —
נאָר פרײַע יוגנט ווייסט קיינ שרעק,
אונ טויט־געדאנק פליט אויכ אוועק.
אונ בינ איכ נאָר אראָפּ, אזוי
האָט עס געטאָנ אפ מיר א וויי
מיט פרישקײַט פונעמ וואסער־קוואל.
איכ האָב געטאָנ צו אימ א פאל.
אונ אָט — א שטימ, גערויש פונ טריט.
איכ בינ ארײַנ אינביימער־מיט.
עס איז מיר דורכנ לײַב א צוק,
געוואָרפנ כ׳האָב אינ שרעק א קוק,
אונ האָב זיכ דאָרשטיק אײַנגעהערט.
אונ נעענטער אונ נאָענט ווערט
א מיידל־שטימע, אונ זי איז
אזוי פול לעבנ, אזוי פריש,
אונ אזוי פרײַ, אונ אזוי זיס,
ווי זי וואָלט וויסנ קלאנגענ בלויז
פונ נעמענ פרײַנטלעכע — אונ אויס.
דאָס איז געווענ א פראָסטע ליד,

נאָר כ׳האָב זי אַזוי קלאָר פאַרהיט,
אַז ווען דער טאָג איז נאַכט פאַרזינקט,
מיר דאַכט, אַ גײַסט זי ווידער זינגט.

13

„דעם קרוג געהאַלטן אױפֿן קאָפּ,
איז די גרוזינערן אַראָפּ
מיט שמאָלן שטעג צום קוואַל. אין גײן
האָט זי געגליטשט זיך צווישן שטײן,
געלאַכט דערבײַ צו זיך אַלײן.
און אָרעם איז געווען איר קלײד
און לײַכט דער גאַנג. ס׳האָט ווינט צעווײט
פֿון איר טשאַדראַ אַ לאַנגן שפּיץ.
עס האָט די זומערדיקע היץ
באַדעקט איר פּאָנעם און איר ברוסט
מיט טונקלען גאָלד; און ס׳האָט אַ לוסט
פֿון אירע ליפּן הײס געשטראָמט.
און ס׳האָט דער טיפֿער אויגן־טעהאָם
געהיט אַזאַ מין ליבע־סאָד,
אַז כ׳האָב פֿאַרגעסן זיך, און ס׳האָט
מײַן האַרץ פֿאַרנומען נאָר דעם קלאַנג
פֿון קרוג, ווען ס׳האָט דאָס וואַסער לאַנג
אים אָנגעפּילט מיט שטילן רויש.
דערנאָך אַ שאָרך, און ווידער — אויס.
ווען איך האָב אָפּגעאָטעמט פֿרײַ
און זיך אַרומגעקוקט אַפֿסנײַ,

איז זי געווען שוין ווײַט. באַהיט
איז זי געגאַנגען מיט לײַכטע טריט,
און ס׳האָט די שלאַנקײַט אירס דערמאָנט
די טאָפּאָל־ביימער פון איר קאַנט.
אין קילן שאָטן, דאָרט ניט ווײַט,
צוויי סאַקליעס זײַנען, זײַט־בײַ־זײַט,
צום פעלדז ווי צוגעוואַקסן ׳האַרט.
און פון איין סאַקליע האָט פאַרשאַרט
א בלוילעך רויכעלע געשפּאַרט.
און כ׳זע אַצינד נאָך, דאַכט זיך מיר,
ווי ס׳האָט געעפנט זיך די טיר
און ווידער צוגעמאַכט נאָך איר...
איך ווייס, דאָס איז גאָר ניט פאַר דיר
פאַרשטיין מײַן טרויער און מײַן צאַר,
און ווען דו קענסט, וואָלט מיך געאַרט!
אָט די זיכרוינעס אַלערליי
באַגראָבן כ׳וועל אין מיר אַליין.

14

„אין אויסגעמאַטערטער צום סאָף
האָב איך זיך צוגעלייגט. א שלאָף
האָט מײַנע אויגן פעסט פאַרמאַכט.
און ווידער האָט אין מיר דערוואַכט
דער יונג־גרוזינערנס געשטאַלט.
א זיסער אומעט־ווײ באַפאַלט

מײַן ברוסט. און ס׳ווערט מיר מאָדנע זיס.
איך וויל אַן אָטעם טאָן, אומזיסט.
איך כאַפּ זיך אויף: אין הימל־ברייט
האָט זיך די לעוואָנע אומגעדרייט,
און ס׳האָט איין וואָלקנדל נאָך איר
געגאַנוועט זיך און נאָכגעשפּירט,
און לאַנגע אָרעמס ברייט צעשפּרייט.
די וועלט איז שוואַרץ געווען און טויט.
אין וו[illegible] האָבן זיך געמערקט
באַשנייטע שפּיצן פון די בערג,
און ס׳האָט גערעדט צום ברעג דער שטראָם.
אין סאַקליע האָט אַ פלעמל קוים
אַ לויכט געטאָן און זיך געפעלט...
עס גייט אַזוי אַוועק פון וועלט
אַ שטערן, וואָס אין הימל העלט.
איך האָב געוואָלט, נאָר ניט געטאָרט
צו גיין אַהין. בלויז אין איין אָרט
האָב איך געפײַלט. געווען איין ציל
פאַר מיר — מײַן היים. און דאָס געפיל
פון הונגער האָב איך אויך באַזיגט
און מיטן וועג, וואָס פאַר מיר ליגט,
געלאָזט זיך צאַפּלענדיק, נאָר באַלד
בין איך אַרײַן אין טיפן וואַלד
און האָב די בערג שוין ניט געזען,
און ניט געוווּסט, וווּהין צו גיין.

15

„אומזיסט האָב איך שוין צײַטנווײַז
געריסן מיט א ווילדן קאס
און האָפנונגסלאָז דעם וואלד־געפלעכט.
ס׳האָט דיקער וואלד זיך לינק און רעכט
געצויגן און האָט מיך פארמאכט.
און ס׳האָט דער כוישעך פון דער נאכט
פון אונטער יעדער צווײַג געקוקט
און האָט אף מיר זיך אָנגערוקט.
עס נעמט מיר דרייען זיך דער קאָפּ.
איך קריך אףביימער אוף און אָפּ.
נאָר אויך באם סאמע הימל־ראנד
האָב איך געזען דעם זעלבן וואלד.
איך בין געפאלן און געקלאָגט
מיט גאָר דעם וויי, וואָס כ׳האָב פארמאָגט.
און כ׳האָב די נאסע ברוסט פון דר׳ערד
געביסן און האָב זי באטרערט
מיט אויגן־טוי, מיט הארצן־גלי.
נאָר, גלויב, קיין מענטשנס הילף סײַווי
כ׳האָב ניט געוואָלט... פארשטויסן, ווילד,
כ׳האָב ווי א חײַע זיך געפילט.
און ס׳זאָל פון שוואכער צונג בא מיר
א קלאנג אראָפּ דאן, — שווער איך דיר,
איך וואָלט צערעכנט זיך מיט איר!

„פון קינדווײַז אָן, געדענקסט אַליין,
כ'האָב ניט געוווּסט, וואָס ס'הייסט געוויין.
נאָר איצט, ווער האָט געקענט מיך זען?
— דער שווארצער וואלד, וואָס מיך באקרײַזט?
די לעוואָנע, וואָס אין הימלען שפּרײַזט?
און מיט לעוואָנע־שײַן באפלעקט,
באדעקט מיט מאָך, מיט זאמד באדעקט,
און מיט א ביימער־וואנט פארשטעלט.
דערזען האָב איך א פּיצל פעלד.
און פּלוצים, ווי ס'וואָלט דורך א ווינט,
א שאָטן איז פארבײַ געשווינד
און פלעמלעך צוויי געטאָן א צינד.
און מיט איין שפּרונג איז פונעם וואלד
ארויס א כײַע און זיך באלד
אין נאסן זאמד א וואָרף געטון.
דאָס איז געווען דעם מידבערס זון —
דער לעמפּערט. מיט די שארפע ציין
האָט ער באלעקט א רויען ביין
און הילכיק דאן געברומט פאר גליק.
געוואָרפן ווען א רויטן בליק
אַף דער לעוואָנע, און זײַן פעל
האָט דאן געשײַנט, ווי זילבער, העל.
געפּאקט א שטעקן אין די הענט,
האָב איך געוואָרט. ס'האָט זיך צעברענט

אין מיר א דאָרשט נאָך בלוט און שטרײַט.
יאָ, ס׳האָט דער גורל אָנגעגרייט
פאר מיר א װעג לויט זײַן באגער.
נאָר איצטער צװייפל איך ניט מער,
אז דאָרט, אין דר׳היים, װאָלט איך מיסטאמ
אויך ניט פארשעמט מײַן העלדן־שטאמ.

17

„איך האָב געװארט. אין נאכט פארהילט,
האָט ער דעמ סוינע באלד דערפילט.
א לאנגער קרעכץ האָט זיך דערהערט,
א טריבער. און מיט בייז האָט ער
געגראָבן ארומ זיך די ערד.
ער שטעלט זיך אופ, ער לייגט זיך אָט,
און ס׳האָט דער ערשטער שפרונג געדראָט
מיט טויט מיט שרעקלעכן פאר מיר.
נאָר איך האָב זיך געפעדערט פריר.
געשיקט און פלינק געװוען מײַן קנאק:
מײַן שטעקן גיט אימ, װי א האק,
דעמ שטערן אפ דער האלב א שפאלט.
ער האָט א זיפץ געטאָן און פאלט.
נאָר באלד, קיין רעגע ניט פארגייט,
כאָטש פונ דער װונד געדיכט און ברייט
א כװאליע בלוט א רויטע שמײַסט,
צעברענט דער טויט־קאמפ זיך באנײַס!

„מיר אַפ דער בּרוסט אַרופ איז ער.
נאָר כ׳האָבּ אין האַלדז אים מײַן געווער
אַרײַנגעשטעקט, און א מאָל צוויי
א דריי געטאָן. ער בּרומט פון וויי,
די לעצטע קויכעס אָנגעשטרענגט,
און בּאַלד, פאַרפלאָכטענע ווי שלענג,
ווי בּעסטע פרײַנט געטוליעט ענג,
מיר פאַלן בּײדע. נאָר אַפ דר׳ערד
האָט ווילדער קאַמפ ניט אופגעהערט.
געווען כ׳בּין שרעקלעך, זיך געפילט
אויך ווי א לעמפּערט, בּייז און ווילד.
איך האָבּ, ווי ער, געפלאַמט, געבּרילט,
ווי איך וואָלט אויך דערזען די וועלט
אַלס קינד פון לעמפּערטן און וועלף,
אין וואַלד, אונטער זײַן פײַכטן דאַך.
עס האָט געדאַכט, די מענטשן־שפּראַך
האָבּ איך פאַרגעסן, און פון מויל
זיך רײַסט אַזאַ מין ווילד געהויל,
ווי ס׳וואָלט מײַן צונג פון קינדווײַז אָן
קיין אַנדער קלאַנג גאָרניט געקאָנט.
נאָר ס׳ווערט די קויכעס אָן מי[illegible]ײַנט,
ער אָטעמט שטילער, ווי עס שײַנט,
א בּלאָנדזשע גיבּן ערגעצ־וו
די אויג־שוואַרצאַפּלען, און א רו

אנ אייביקע זײַנ בליק פארמאכט.
ער איז געפאלנ אינ א שלאכט,
ווי ס׳פּאסט א העלד, וואָס האָט אינ פעלד
אנטקעגנ סוינע זיכ געשטעלט...

19

„דו זעסט מײַנ ברוסט — זי איז ביז איצט
מיט נעגל־שפּורנ טיפ צעקריצט.
די וווּנדנ וועלנ ניט פארגייג,
ביז ס׳וועט זיי שוינ די ערד אליינ
ניט פרישנ מיט איר פײַכטער דעק,
אונ טויט וועט אויסהיילנ צומ עק.
נאָר דאנ האָב איכ קיינ ווי גערעדנקט,
די לעצטע קויכעס אָנגעשטרענגט,
האָב איכ אינ טיפ פונ וואלד אונ נאכט
מײַנ ווײַטערדיקנ וועג געמאכט.
נאָר ס׳מאזל האָט מיכ אויסגעלאכט.

20

„איכ בינ ארויס פונ וואלד. עס האָט
דערוואכט דער טאָג. דער קאראהאָד
פונ ליכטער נאכטישע צעשווימט
אינ זײַנע שטראלנ. ווידער ברומט
דער נעפּל־וואלד. געוואָרנ אופ

איז דער אאול. געטאָנ א לויפ
האָט שטיל א ווינטעלע אינ טאָל.
איכ האָב זיכ צוהערנ געוואָלט,
איז ווידער אלצ געבליבנ שטומ.
איכ האָב זיכ אומגעקוקט ארומ.
אונ ס'דאכט מיר אויס, איכ קענ דעמ קאנט.
נאָר ווי — ס'איז ניט געווענ אימשטאנד
גאָר צו באַנעמענ מײַנ פארשטאַנד,
אז כ'האָב זיכ אומגעקערט אָט איצט
צוריק אינ טפיסע; אז אומזיסט
האָב איכ עס אזא לאנגע צײַט
געבענקט, געמאטערט זיכ אינ לײַד...
צו וואָס? — איכ זאָל, א יונגער בוימ,
גאָטס וועלט דערזעענדיק דאָ קוימ,
אינ הילכיקנ, אינ וואלד-געריד
דערקענענדיק די פרײַהײַט-פרייד,
אוועקטראָגנ מיט זיכ אינ גרוב
די בענקשאפט נאָכ מײַנ טאטנס שטוב,
דער אָפגענארטער האָפנונגס בראָכ.
פונ אײַער מיטגעפיל דעמ שטאָכ!..
איכ האָב געצווייפלט נאָכ א צײַט,
געמיינט, א כאָלעמ אלצ באטײַט,
נאָר ס'האָט א גלאָקנ-קלאנג פונ ווײַט
אינ שטילקײַט פלוצימ זיכ צעשאלט.
אונ אלצ איז קלאָר געוואָרנ באלד.
יאָ, כ'האָב אימ גיכ אונ גרינג דערקענט —

ער האָט ניט איינמאָל דאָך פאַרלענדט
די זעונגען פון יוגנט־טרוים,
פון קרויווים, פרײַנט און פון מײַן היים,
פון ווילדער און פון פרײַער ערד,
פון פלינקע און פון דולע פערד,
פון וואונדער־קאַמפן אין געשטיין,
ווּ כ׳האָב קיין גלײַכן ניט געזען...
איך האָב געהערט דעם קלאַנג פאַרשמאַכט.
ער איז געגאַנגען, ס׳האָט געדאַכט,
מיר גלײַך פון האַרצן, ווי ס׳וואָלט ווער
מיך שלאָגן מיט א האַמער שווער.
און כ׳האָב פאַרשטאַנען דאַן, אַן עק—
עס איז די האָפענונג אַוועק
אַהיים צו אויסטרעטן דעם וועג.

21

„איך בין געווען מײַן גורל ווערט.
ווען ס׳וואַרפט אין סטעפּ אַראָפּ דאָס פערד
דעם טויגעניכץ, וואָס אַף אים רײַט,
וועט ער אַהיים פון גאָר דער ווײַט
דעם וועג געפינען אַף געווייס...
און וואָס בין איך? — עס איז אומזיסט
מיט דראַנג און ווילן פול מײַן ברוסט,
די היץ איז אומעכטיק און פוסט:
ס׳איז מויעך־קרענק, ס׳איז טרוימען־שפּיל.

די טפּיסע האָט איר בייזן ציל
דערגרייכט. א טפּיסע־בלימל אויך
אזוי. עס איז געוואַקסן בלייך
און צווישן נאַסע שטיינער מאַט, —
און לאַנג האָט עס קיין יונגן בלאַט
אַרויסגעלאָזט. געוואַרט, פאַרשמאַכט,
אַף לעבן־שטראַלן. טעג אַסאַך
זײַנען פאַרגאַנגען, ביז עס האָט
א מילדע האַנט די בלום אין סאָד
גענומען און זי דאָרט באַשטאַט.
אין שכנס האָט געבליט א רויז,
דאָ האָט געאָטעמט לעבן בלויז,
נאָר ווען עס איז די זון אַרויס,
האָט זי דאָס בלימל באַלד פאַרברענט,
וואָס איז דערצויגן צווישן ווענט...

22

„און ווי די בלום אין יענעם סאָד,
האָט מיך דער בייזער טאָג געבראָכט.
אומזיסט האָב איך געשטעקט אין גראָז
מײַן מידן קאָפּ שוין, ווייס איך וואָס —
געביסן האָט מיט שאַרפע ציין
מיך יעדער בלאַט. די ערד אַליין
מיט פײַער האָט אַף מיר געהויכט
אין פּנים גלײַך, עס האָט די הייך

געשאָטנ פונקענ, פײַער־בלענד.
פונ ווײַסע פעלזנ האָט געדעמפט.
אינ שלאָפ פארצווייפלטנ פארקוועלט
געשלאָפנ טויב איז גאָר די וועלט.
זאָל כאָטש א פויגל טאָנ א שפיל,
זאָל זיכ א קעלכל פונ א גריל
דערהערנ ווו, צי פונ דעמ טײַכ
דער ליבער פלאפל. ס׳האָט נאָר לײַכט
א שלאנג אינ גראָזנ זיכ געשלײַכט.
איר געלער רוקנ האָט געבליצט
באגלײַכ א קלינג, וואָס ביזנ שפיצ
אנ אופשריפט גאָלדענעמ באזיצט.
צעשארט דעמ שיטעוודיקנ זאמד,
האָט זי געגליטשט זיכ נאָכאנאנד;
דערנאָכדעמ, שפילעוודיק אונ גרינג
געמאכט א דרייענדיקנ רינג,
אונ פלוצימ, גלײַכ ווי אָפגעבריט,
געוואָרפנ זיכ אינ פלאנצנ־מיט,
אונ באלד איז זי שוינ ניט צו זענ.

23

„אונ הימלענ זײַנענ שטיל געווענ
אונ העל אזוי. צוויי שווארצע בערג
פונ ווײַטנ האָבנ זיכ געמערקט.
פונ הינטער איינעמ האָט געבלאנקט

דעם קלויסטערס ציינערדיקע וואנט.
באַזוימענדיק מיט זילבער־קאַנט
די אינדזלען, זײַנען זיך באַנאַנד
געלאָפֿן לעבעדיק און גרינג,
אין פֿלאַפֿלענדיקן פֿלאַנצן־רינג,
אַראַגוואַ און קורא... נאָר ווײ!
ס'איז ווײַט געװען פֿון מיר צו זײַן,
געוואָלט כ'האָב אופשטײן, נאָר צוריק
האָט זיך די וועלט געטאָן אַ וויג.
געוואָלט כ'האָב שרײַען, אָבער — ניט,
די צונג געווען איז צוגעשמידט.
איך האָב אין גסיסע־היץ געגליט.
און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, באַגלײַך
אין פֿײַכטן גרונט פֿון טיפֿן טײַך
איך ליג צעשפּרייט איצט, און אַרום
איז סוידעס־פֿינצטערקײַט און שטום.
און ס'האָט אַ קאַלטער שטראָם, ווי אײַז,
ווי שטילנדיק מײַן דאָרשט באַנײַס,
צו מיר געגאָסן זיך אין ברוסט.
און וואַך זײַן האָט זיך מיר געגלוסט,
אַזוי איז גרויס געווען מײַן גליק.
און איבער זיך האָב מיטן בליק
געזען דעם כוואַלישן געוויג.
און זיסער נאָך פֿון לעוואָנע־שײַן
דורך כוואַליעס איז די זון אַרײַן.
און פֿישלעך, פֿון דער זון באַגילדט,

זיך האָבן טשאַטעסקעס ‑‑‑ געשפּילט,
און איינע, איך געדענק נאָך איצט,
מיט ליסקעס גאָלדענע ט׳געבליצט
איר רוקן, און איבער מיַין קאָפּ
האָט זי געדרייט זיך אויף און אָפּ.
און ס׳איז געווען איר גרינער בליק
אי טיף, אי צאַרט, אי אומעטיק.
און כ׳האָב געוווּנדערט זיך אָן שיר,
איר זילבער־קעלכל האָט צו מיר
גערעדט, געזונגען שטומערהייט,
און מאָדנע איז געווען די רייד.
זי האָט גערעדט:
„מיַין קינד, מיַין טריַי,
פאַרבריינג מיט מיר דיַין וועלט.
אין וואַסער איז דאָס לעבן פריַי,
דאָ הערשן רו און קעלט.

די שוועסטער מיַינע רוף איך באַלד!
אין לעבעדיקן קריַיז
דיַין בליק וועט ווערן אויפגעשטראַלט
און אויפגעריכט דיַין גיַיסט.

שלאָף איַין! ס׳איז ווייך דיַין בעט און שיין,
און דורכזיכטיק דיַין דעק,
און דורעס לאַנגע וועלן גיין,
וועסט טרוימען אָן אַן עק.

אָ, טײַערער, דאָס הארץ מײַנס גליט
מיט ליבע נאָר צו דיר,
ווי פרײַע כוואליע ביסט מיר ליב,
ווי ס'לעבן טײַער מיר..."

איך האָב זיך צוגעהערט נאָך לאנג;
עס האָט געדאכט, דער שטראָם־געקלאנג
זיך גיסט צונויפ דאָ שטיל און זיס
מיט ווערטער פונעם גאָלדענעם פיש.
דערנאָך האָב איך פארגעסן זיך.
פארלאָרן איז אין אויג דאָס ליכט.
איך בין געלעגן שוין פארשמאכט...

24

"אזוי ט'מען מיך אהער געבראכט...
ס'רעשט, אלטער, ווייסטו שוין אליין.
א סאָף. און גלויבסטו מיר, צי ניין,
דאָס ארט מיך שוין לאכלוטן נישט.
איין זאך אצינד נאָר מיך פארדריסט:
מײַן קאלטן גוף איז ניט באשערט
צו וועלקן אין דער היימלאנד־ערד,
און ס'וועט פארגעסן ווערן גלײַך
מײַן ביטער לײַדן צווישן אײַך,
און בלײַבן פרעמד און אומבאקענט
מײַן טונקלער נאָמען צווישן ווענט.

25

„נו, זײַ געזונט, גיב מיר דײַן האַנט.
דו פֿילסט, אין מײַנער ברענט אַ בראַנד...
ווייס, ס'האָט דער פֿלאַם פֿון קלײנערהייט
געלעבט אין האַרצן שטילערהייט.
איצט פֿעלט אים שפּײַז, האָט ער די ווענט
פֿון טפֿיסע זײַנער דורכגעברענט,
און קערט זיך איצט אַפּסנײַ צו דעם,
וואָס יעדן אײנעם טײלט ער אײַן
אין שטרענגן בײַט סײַ רו, סײַ פּײַן...
נאָר מיר, וואָס קומט אַרויס דערפֿון?
עס זאָל מײַן גײַסט אַפֿילע רוען
אין הײליקן גאַנײדן־רוים, —
וויי, וויי, פֿאַר רעגעס צוויי אינדר'הײם,
אין שוואַרצן פֿעלזישן געדרענג,
וווּ כ'האָב די קינדער־טעג פֿאַרברענגט,
כ'וואָלט רו און אײביקײַט געשענקט.

26

„ווען איך וועל דאַרפֿן שטאַרבן, — לאַנג
וועסט שוין ניט וואַרטן — מײַן פֿאַרלאַנג,
זאָלסט הייסן ברענגען מיך אַהין,
אין סאָד אין יענעם, וווּ עס בליִען
אַקאַציעס ווײַסע, קוסטעס צוויי...

דאָס גראָז געדיכט איז צווישן זיי,
די לופט מיט דופטן אָנגעפּילט,
און דורכזיכטיק איז און באגילדט
דער בלאט, וואָס אפ דער זון זיך שפּילט!
אהינצו, בעט איך, מיך פארטראָג,
און מיט דער שיין פון בלויען טאָג
וועל איך זיך אָנטרינקען צוזעט.
פון דאָרטן אויך קאווקאז מע זעט.
און ער, קאָן זיין, וועט פון זיין הויך
אן אָפּשייד־גרוס מיר שיקן אויך,
מיט קילן ווינטל טאָן א ווענד,
און נעבן מיר וועט פאר מיין ענד
דערהערן זיך א היימיש קאָל.
און דענקען וועל איך, אז דאָס מאָל
א ברודער, צי א גוטער פריינט
מיר ווישט אראָפּ פון פּאָנעם מיינס
דעם קאלטן שווייס פון פארן טויט,
און אז ער זינגט מיר שטילערהייט
פון ליבער היים א מילדע ליד...
און איינשלאָפן וועל איך דערמיט
און ניט פארשעלטן קיינעם ניט!״

1840 י.

Одеблліт № 1904. Уповн. Головліту № 5711. Замовл. № 3. $2^{1}/_{2}$ друк. арк. + $^{1}/_{8}$ арк. вклейок. 1,16 облік. авт. арк. Тираж 3000. Формат паперу 62 x $94^{1}/_{16}$. Здано на виробництво 1-I 37 р. Підписано до друку 6-IV 37 р. Черг. вид. № 51.

Друкарня ім. Леніна, Одеса, Пушкінська, 18.

פרייַז 30 קאָפּ.

М Ю ЛЕРМОНТОВ

М Ц И Р И

—

ДИТВИДАВ ЦК ЛКСМУ